בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל

וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

## פרשת נח

# ווער איז באמת וויכטיג?

### פרנס השבוע

לע"נ
ר' פנחס בן ר' יעקב ע"ה
ר' ישכר דוב בן ר' יעקב נפתלי ע"ה

לרפואת שלימה
יהודא בן רחל בתושח"י

לע"נ
מרת רחל בת ר' שלמה ע"ה

צו מנדב זיין רופט:
347.451.0332
אימעילט: Director@torasavigdor.org



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.222.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org

Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת נח

שנה ד'

# ווער איז באמת וויכטיג?

תוכן:

חלק א. די ערפינדערס - חלק ב. די צדיקים

## חלק א. די ערפינדערס

### קין ווערט פארלוירן אויף אייביג

ווען מיר לערנען פון די דורות וואס זענען פארלוירן געגאנגען ביי דער מבול, פארשטייען מיר אז זיי זענען געווען זינדיגע מענטשן וואס זענען נישט ווערד געווען אונזער שעצונג. **וַתִּשָּׁחֵת הָאָרֶץ לִפְנֵי הָאֱלֹקִים וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ חָמָס** - און די וועלט איז געווארן פארדארבן פאר'ן באשעפער און די ערד איז געווארן פול מיט רויב (נח ו:יא), און דערפאר **וַיִּמַח אֶת כָּל הַיְקוּם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה** - דער באשעפער האט אפגעמעקט אלעס וואס האט זיך געפונען אויף די ערד (שם. ז:כג). די משפחה פון קין - אלע זיינע דורות - זענען אינגאנצן אפגעווישט געווארן מיט'ן מבול. היינט איז נישטא קיין איינציגער מענטש וואס שטאמט פון קין; מיר שטאמען אלע פון זיין יונגסטער ברודער, שת.

און אזוי, מיט אונזער יעצטיגער וויסנשאפט קוקן מיר אויף צוריק און מיר פארדאמען קין און זיינע קינדער. אודאי טוען מיר אזוי - ווייל די תורה אליין פארדאמט זיי! דער פסק דין וואס איז ארויסגעגעבן געווארן אויף זיי, דער גרויסער מבול וואס האט זיי גענצליך אפגעווישט פון די ערד - איז געווען א גזירה פון באשעפער, און דאס באשטעטיגט די שולד קעגן קין אז ער איז ווערד געווען צו פארטיליגט ווערן און בלויז נח און זיין פאמיליע זענען ווערד געווען צו בלייבן לעבן.

פונדעסטוועגן, איז וויכטיג צו אנערקענען אז נישט אלעס וואס שטייט אין פסוק איז אזוי געזען געווארן דורך די מענטשן אין יענע צייטן. וואס עס שטייט אין די תורה, וואס איז היינט דער פשוט'ער און אנגענומענער בליק, איז נישט דוקא ווי אזוי די מענטשן אין יענע צייט האבן געטראכט. אודאי, ווען מיר ליינען די ווערטער אזויפיל יארן שפעטער, איז אויף צוריקצוואוועגס פארשטייען מיר דאס. אבער אייגנטליך אין פיל פעלער טוט די תורה

באטאנען סודות וואס זענען נישט אזוי פארשטאנען געווארן דורך די מענטשן אין יענע טעג; זייער פיל זאכן אין די תורה זענען נישט געווען אנגענומען דורך די מענטשן אינעם דור ווען די זאכן האבן זיך אפגעשפילט.

## פארצייטישע נייעס באריכטן

און דערפאר, לאמיר זיך פארשטעלן אז מיר לעבן אין די צייטן פאר דעם מבול און מיר וועלן זיך איינהערן צו וואס עס קומט פאר דאן. שטעלט זיך פאר אז מיר ליינען די נייעס פון טאג, דאס וואס די תורה דערציילט אונז, ווי גלייך מיר זאלן ליינען להבדיל א פארצייטישער צייטונג.

אלזא, מישן מיר אויף אין די תורה און מיר ליינען איבער א מענטש וואס שטאמט פון קין מיט'ן נאמען **לֶמֶךְ**. און מיר ווערן דערציילט אז זיין ווייב **עָדָה** האט געבוירן א זון וואס מען האט א נאמען געגעבן **יָבָל**. דא שטעלט זיך די תורה אפ צו געבן ווייטערדיגע ידיעות איבער דעם יָבָל, ווייל ער האט אויפגעטון גרויסע זאכן. אויב עס וואלטן געווען צייטונגען אין יענע טעג וואלט יָבָל'ס נאמען געווען אין די הויפט קעפלעך. וואס האט ער געטון? **הוּא הָיָה אֲבִי יֹשֵׁב אֹהֶל וּמִקְנֶה** - ער איז געווען דער פאטער פון די וועלכע וואוינען אין די געצעלטן און האדוועןן שאף (בראשית ד:כ).

למעשה, דאס ווארט 'פאטער' מיינט נישט אז בלויז זיינע אפשטאמיגע האבן דאס געטון; מיר ווייסן אז אויך די אפשטאמיגע פון שת און אפילו פון שם זענען אין מערסטנס פאלן געווען וואנדערער וואס האבן געלעבט פון האדוועןן שאף. דאס ווארט '**אֲבִי** - פאטער' אין דעם פאל מיינט נישט אז ער איז געווען א פיזישער טאטע. דאס מיינט אז ער איז געווען דער ערפינדער פון א פאסטוכער לעבן פון האדוועןן שאף, ער האט אריינגעברענגט דער סארט לעבנס וועג פון '**אֹהֶל וּמִקְנֶה**' צו די וועלט.

## א פארשריט אין ציוויליזאציע

אלזא, מיר דארפן פארשטיין ווי וויכטיג דאס איז געווען אין די היסטאריע פון די וועלט. איר ווייסט אז אין די אמאליגע צייטן האבן שטעט פארנומען בלויז א קליין טייל פון די מענטשהייט. די וואנדערנדע געזעלשאפט, די כאראקטער יורשים פון יָבָל, האבן צוזאמגעשטעלט א גרויסן טייל פון די וועלט'ס פאפולאציע. אין געוויסע ערטער איז דער יושבי אהל ומקנה געווען די גאנצע פאפולאציע; ריזיגע פעלקער האבן געלעבט וואנדערנדיג פון איין פאשע געגנט צו א צווייטע פאשע געגנט. און יָבָל איז געווען דער וואס האט אריינגעברענגט אט די געוואלדיגע פארשריט פון א וואנדערנדע ציוויליזאציע צו די וועלט.

איידער יָבָל האט איבערגעדרייט די וועלט מיט זיינע אויסטרעפונגען, וואו האבן מענטשן געלעבט? זיי האבן אויסגעוועלט דעם גרינגסטן אופן; זיי האבן אויסגעגראבן

גריבער ביי די זייטן פון בערג. אין צפון אפריקע זענען דא פיל שבטים וואס לעבן אין היילן ביז היינט. זיי זענען גארנישט צוריקגעבליבן וואוינענדיג אין די היילן; זיי האבן טעכנעלאגישע כלים אינסטאלירט דערין און זיי זענען פרייליך דארט. זיי וואלטן זיך נישט ארויסגעצויגן פון דארט פאר קיין זאך ווייל עס איז דער ביליגסטער ארט צו וואוינען; עס זענען דארט פארהאן אויך פיל באקוועמליכקייטן - אין דער ווינטער איז דארטווארעם און אינעם זומער איז קיל.

אבער יָבָל האט פארשטאנען אז אויב מ'לעבט אין א הייל קען מען נישט מצליח זיין צו האדעווען שאף; ווייל ווען א מענטש'ס שאף און רינדער פאשען ארום די הייל און זיי ענדיגן די גאנצע גראז פון דעם ארט - דארף מען זיי אריבערפירן ערגעץ אנדערש. אבער מ'קען נישט מיטנעמען מיט זיך די הייל; מען בלייבט שטעקן! און דאס איז פארוואס ביז יָבָל איז געקומען, האבן מענטשן געהאט בלויז ווייניג שאף; זיי האבן זיך נישט געקענט ערלויבן צו האדעווען מער.

## אריגינעלקייט און חכמה

און דאן איז דער גרויסער בעל מחדש, יָבָל, געקומען צו גיין און אויסגעטראפן אפאר זאכן; מעטאדן און המצאות וואס האבן ערמעגליכט צו אויפשטעלן גענצליך נייע געזעלשאפטן. ערשט האט ער אויסגעטראפן א טראג-היים, א געצעלט וואס מ'קען צוזאמלייגן. צו אונז זעט עס אויס פשוט - א צאמלייג געצעלט זעט אינגאנצן נישט אויס ווי א קאמפליצירטער חפץ. אבער איר דארפט וויסן אז ביי יעדע זאך פאר עס איז געקומען צום עקזיסטענץ האט עס געפאדערט חכמה פון דעם ערשטן מענטש וואס זאל טראכטן דערפון.

דאס איז געווען א גרויסער שריט פאראויס פאר די ציוויליזאציע. אצינד האט מען געקענט צוזאמלייגן די היים, עס ארויפשטעלן אויפ'ן רוקן פון א קעמל און רייזן צו וואו די גראז איז גרינער. טראכט נישט אז דאס איז געווען א קלייניקייט; דאס איז געווען וויכטיגער ווי דער אויסטרעף פון טעלעפאנען און אנדערע טעכנעלאגיע; דאס איז גארנישט אין פארגלייך צו דעם. די געצעלט איז געווען אן עפאכע-טוישנדע אנטדעקונג, אן אויסטרעף אויף א גענצליך נייער וועג פון לעבן. ווען די דאזיגע טראג-היים איז אויסגעטראפן געווארן, איז געקומען א נייע תקופה אויף די וועלט.

די הייל איינוואוינערס האבן אצינד געקענט פארלאזן זייערע היילן און אנהייבן מאכן אן אמת'ע לעבן דורך אננעמען די וואנדערנדער וועג פון לעבן. איינמאל מ'קען זיך ארומרוקן, קען מען מאכן נוצן פון דעם באשעפער'ס געוואלדיגע מתנה פון גראז. מען דארף גארנישט טון; עס וואקסט פון זיך אליין און ס'איז דער ביליגסטער אייגנטום וואס איז פארהאן. און אזוי קען מען האדעווען גרויסע סטאדעס פון שאף.

איין קו איז ווי א דעליקאטעסן געשעפט אויף קאפאטעס; איר האט פופציג סארטן

דעליקאטעסן אין איין בהמה. איר האט לעבער און איר האט לונגען - אויב קענט איר גוט קאכן, דאן זענען לונגען א דעליקאטעסן. און איר האט די אונטערשטע פערטלעך און איר האט די ברוסטן; איר האט יעדער סארט פלייש וואס איר קענט זיך ווינטשן. אויב קוקט איר דורכ'ן פענסטער פון א פלייש געשעפט וועט איר זען אז עס איז אלעס אויסגעלייגט אין טעצער; ס'איז אפעטיטלעך בלויז צו קוקן דערויף. פופציג סארטן פלייש!

## וואוילטועריס פאר די מענטשהייט

און אזוי, אין די צייט ווען מענטשן האבן אנגעהויבן מאכן נוצן פון יָבָל'ס ערפינדונג האט זיך די קוואליטעט פון לעבן פארבעסערט. מענטשן זענען געווארן פארמעגליכער; זיי האבן געהאט מער עסן ווי סיי ווען פריער. און יעדנ'ס מויל איז געווען פול מיט לויב פאר דעם גרויסן וואוילטוער מיט'ן נאמען יָבָל. יָבָל איז גרויס געווארן פון דאן! קיינער האט נישט אראפגעקוקט אויף אים אויף וואס ער איז געווען - דער שטאם פאטער פון די וועלכע האבן געברענגט דעם מבול אויף די וועלט. ניין, מען האט געלויבט לֶמֶך און זיין זון יָבָל. מען האט געזאגט, "ווי גליקליך איז ער צו האבן אזעלכע גוטע קינדער; אזעלכע וואוילטוערס פאר די מענטשהייט."

און נישט נאר וואס ער איז געווען דער **אבי יושב אוהל**, דער ערפינדער פון די טראג-היים וואס מ'קען מיטנעמען מיט זיך צו די גרינערע פאשע, נאר ער איז אויך געווען דער אבי מקנה. דאס מיינט אז ער האט פארברענגט פיל יארן צו דורכשטודירן די נושא פון האדעווען בהמות. עס זענען דא פיל וועגן פון חכמה אין האדעווען בהמות, ווי אזוי צו אנטוויקלען די בעסטע סטאדעס, און יָבָל האט דאס גוט אדורכגעטון. און ער האט נישט געהאלטן ביי זיך די סודות וואס ער האט זיך געלערנט; ער האט איבערגעגעבן די חכמה וואס ער האט קונה געווען צו זיין דור. ער האט אריינגעברענגט אין די וועלט די וויסנשאפט ווי אזוי צו האדעווען גוטע פעטע בהמות, קוואליטעטפולע בהמות וואס וועלן ארויסגעבן מער פלייש פון יעדע בהמה. און צוליב די מתנה וואס יָבָל האט געשאנקען פאר זיין דור איז ער געווארן גרויס אין די אויגן פון די מענטשן. די וועלט האט געקוקט אויף יָבָל אין דעם אופן ווי אזוי די היינטיגע צייטונגען וואלטן אים פארגעשטעלט; אלס א גרויסער מאטעריאליסטישער וואוילטוער פאר די מענטשהייט, אלס אן אויסגערופענער חכם וואס ברענגט פאראויס די ציוויליזאציע.

## קריקעטס און פידלען

אצינד, לֶמֶך האט געהאט נאך א זון וועמענ'ס נאמען איז געווען **יוּבָל**. יוּבָל האט געברענגט פרייד צו די וועלט. **הוּא הָיָה אֲבִי כָּל תֹּפֵשׂ כִּנּוֹר וְעוּגָב** - ער איז געווען דער פאטער, דער ערפינדער, פון די אלע וועלכע האלטן א הארף און אן ארגאן (שם. ד:כא). דער כינור איז א הארף און דער עוגב איז א סארט כלי זמר מיט רערן, וואס דאס זענען די צוויי

עיקר סארטן מוזיקאלישע אינסטרומענטן; מערסטנס פון די אינסטרומענטן ארבעטן אדער מיט בענדלעך ווי הארפן און פידלען אדער זענען זיי ווינט אינסטרומענטן אין וואס מ'בלאז אריין.

אלזא, מיר דארפן פארשטיין אז יובל האט אסאך כוחות אריינגעלייגט אין זיין שטודיע פון אט די חכמה. ער האט געטראכט פון די נושא פאר פיל יארן, באטראכטנדיג ווי אזוי עס ווערן ארויסגעגעבן קלאנגען דורך חיות און ער האט אנגעהויבן טראכטן, 'אפשר קענען מיר נאכמאכן די דאזיגע קלאנגען ניצנדיג די זעלבע מעטאדן.'

די קריקעט האט א פידל אויף אירע פליגלען; אויב מען באטראכט די קריקעט, ווי אזוי זי געבט ארויס אירע קלאנגען - זי רייבט זיך צוזאם די פליגלען און די וויברירונג פון די 'בענדלעך' געבן ארויס א זשומענדער קלאנג. די זעלבע אויך מיט די היישעריקן - עס רייבט זיך אריין די הינטערשטע פיסל קעגן דעם פליגל און די וויברירונג פונעם פליגל מאכט א קול. יובל האט דאס דורכשטודירט און גענוצט דעם זעלבן סיסטעם צו צוזאמשטעלן א פידל. און אזוי האט ער אויך דורכשטודירט אנדערע לעבעדיגע באשעפענישן וואס געבן ארויס קלאנגען דורך אדורכבלאזן די שטים בענדלעך און ער האט צוגעשטעלט די מעטאדן צו מעכאנישע זאכן, צו פלייטן און אנדערע ווינט אינסטרומענטן.

און אצינד האט די וועלט אנגעהויבן געניסן פון מוזיק. מיינט נישט אז דאס איז געווען א קלייניקייט, אז ס'איז נישט געווען אזוי וויכטיג. שטעלט זיך פאר עס עקזיסטירט נישט קיין מוזיק פון כלי זמר און אצינד קומט א מענטש צו גיין און ער באשענקט די וועלט מיט די מתנה - מיר וואלטן אים געריסט אן קיין סוף. ער וואלט אויסגעלויבט געווארן אלס דער גרויסער ערפינדער; ער וואלט געלאדענט געווארן צום ווייסן הויז און באערט געווארן מיט יעדע סארט מעדאל. אויך ביי אונז, ביי די פרומע אידן.

## נארישע מאדערנע מוזיק

היינט זענען מיר 'געבענטשט' מיט אן איבערפלוס פון מוזיק; מיר האבן צופיל מוזיק. ס'ווערט גענוצט פאר יעדע סארט נארישקייט און אזוי טוט עס אונז באגראבן לעבעדיגערהייט. אבער אין יענע טעג, ווען זיי האבן געהערט דאס געזאנג פון מוזיק צום ערשטן מאל, איז דאס געווען ווי באלזאם אויף די זעלן פון די מענטשהייט; עס האט דערפרייט די הערצער פון די מענטשן.

און מענטשן האבן צוגעשטעלט מוזיק צו ערליכע ווערטער; זיי האבן נישט גענוצט קיין מוזיק פאר נארישע זאכן, ווי די אלע מיסט וואס מ'הערט פון די מוזיק געשעפטן ווען מ'גייט עס פארביי. ווי דער כוזרי (ב:סה) זאגט: "מוזיק איז אמאל געווען א כלי שרת צו דינען דעם באשעפער און אצינד איז עס געפאלן אין די הענט פון קנעכט און דינסטן."

אודאי, היינט האבן מענטשן הנאה פון די מוזיק פון קנעכט און דינסטן; דו קענסט זיך

לערנען צו הנאה האבן פון סיי וואס. אויב דו טרעניִרסט זיך צו זאגן אָאָאָה און אַההה ווען א קינד קלאפט אויפ'ן דעקל פונעם מיסטקאסטן, איז נאך א שטיק צייט הייבסטו אן צו הנאה האבן דערפון; מ'קען זיך איינרעדן אין יעדע סארט נארישקייט.

און מענטשן טוען דאס א גאנצע צייט! צי זעט איר נישט מענטשן וואס האבן הנאה פון שנאפס? צו מערסטנס פון אונז איז ליקער נישט געשמאק. מ'קען קוים זיפן דערפון דאס ביסל וואס מ'דארף טרינקען צו מאכן א לחיים ביי א בר מצוה אדער אנדערע געלעגנהייט. אבער ווען מענטשן געוואוינען זיך איין דערמיט, איז נאך א שטיק צייט געניסן זיי דערפון אין א גרויסן פארנעם. איז זעט איר אז אפילו די נארישסטע זאכן קענען ווערן הערליך אין דיינע אויגן.

אבער אין יענע צייטן זענען מענטשן נישט געווען אזוי נאריש ווי מ'איז היינט. און דערפאר איז מוזיק געווען א גרויסע ברכה ווייל עס איז גענוצט געווארן ריכטיג. איר קענט זיכער זיין אז אין יענע ערשטע טעג האבן מענטשן גענוצט די ערפינדונגען פון יובל צו גרויס מאכן ערליכקייט; זיי האבן געדערט פון העלדן וועלכע האבן געלעבט איידעלע און ערליכע לעבנס. זיי האבן געזונגען איבער די באשאפונג פון די וועלט; איר קענט זיכער זיין אז מיר וואלטן אינספירירט געווארן פון יענע לידער. און דערפאר איז די וועלט אצינד געווארן א נייער מציאות; ס'איז ווי אריבער אן איבער-באשאפונג אלס רעזולטאט פון די ביישטייערונג פון יובל. און יעדער האט געשאטן ברכות והודאות אויף יובל; זיי האבן באגאסן מיט ברכות דעם גרויסן וואוילטוער פאר די מאסן, פאר'ן ערפינדן די הנאות און נוצן פון מוזיקאלישע אינסטרומענטן.

## די ברכה פון מעטאל

אצינד, למך האט געהאט א דריטער זון; זיין צווייטע ווייב **צִלָּה** האט געבוירן **תּוּבַל קַיִן**, וועלכער האט אויך אויפגעטון עפעס וואס איז קיינמאל פריער נישט געטון געווארן. ער איז געווען **לֹטֵשׁ כָּל חֹרֵשׁ נְחֹשֶׁת וּבַרְזֶל**, דער שמידט פון שנייד-געצייג פאר קופער און אייזן (בראשית ד:כב). תובל קין איז געווען דער מייסטער פון דעם פאך פון מעטאל באנוץ.

איר ווייסט, אז מעטאלן טרעפט מען געווענליך נישט אליין פאר זיך; זיי זענען ארומגענומען מיט מינעראלן, און דערפאר איז עס געווען א היבשע דערגרייכונג ווען מענטשן האבן זיך געלערנט ווי אזוי צו באפרייען די מעטאלן פון די מינעראלן. און עס איז געווען תובל קין וואס האט ערפונדן די מעטאדן פון ארויסציען מעטאלן פון די ערד; ער האט זיי געוויזן וועגן און מיטלען ארויסצוציען און דערנאך ניצן די מעטאלן. נישט נאר קופער, נאר אויך אייזן, וואס דאס איז שווערער צו באקומען, אבער אויך נוצליכער.

אלזא, מעטאל איז א גרויסע ברכה פאר די וועלט. אודאי ווערט עס אויך גענוצט אלס א קללה, פאר געווער און דאס גלייכן, אבער עס איז נישט קיין ספק אז דער באשעפער האט אריינגעלייגט גרויסע קוואנטומס פון מעטאל אונטער די אויבערפלאך פון די ערד

אלס א ברכה פאר די מענטשהייט - וואו אימער מיר דרייען זיך זעען מיר מעטאל. און תובל קין'ס אנטדעקונג פון שמעלצן, אפטיילן די מעטאלן און דאן עס בעארבעטן דורך צולייגן געוויסע קעמיקאלן עס צו געבן א געוויסן כאראקטער - פארשידנארטיגע פראצעדורן פאר פארשידנארטיגע מעטאלן - דאס אלעס איז געווען א געוואלדיגע אנטדעקונג פאר די וועלט. און עס איז געווען אט די גרויסע מענטשן פון די פאמיליע פון קין וועלכער האט אנגעהויבן דעם גאנצן פראצעדור.

## עטיקעט, אויסגעגלאנצטע מענטשליכקייט

אצינד, עס שטייט דא אויך (שם.) אז די שוועסטער פון תובל קין איז געווען **נַעֲמָה**. דער פשוט'ער פשט פון דעם נאמען איז 'אן אנגענעמער מענטש'. דאס מיינט, אז זי האט געהאט געוויסע גוטע כאראקטער שטריכן. למעשה שטייט נישט וואס זי האט ערפונדן אבער איר קענט זיכער זיין אז עס זענען געווען געוויסע זאכן וואס זי האט אריינגעברענגט לטובת די מענטשהייט. איך קען אייך נישט זאגן קיין פרטים ווייל די תורה דערציילט נישט פונקטליך וואס זי האט געטון, אבער זי ווערט אויסגערעכנט צווישן די ערפינדערס פאר א סיבה.

איך שטעל זיך פאר אז זי איז געווען פונקט אזוי געלונגען ווי אירע ברידער און זי האט איינגעפירט פירונגען פון עטיקעט; געוויסע אופנים פון רעדן אנגענעם. איר ווייסט, מענטשן קענען זיין זייער גוט-הארציג אבער זיי האבן נישט דעם גלאנץ וואס ברענגט מענטשן זאלן זיי שעצן. אבער נעמה, איר נאמען מיינט אנגענעמקייט, און ס'איז נישט קיין ספק אז זי איז געווען גוט באוואוסט אין אירע צייטן פאר אירע אויסטערעפונגען.

איז אט האבן מיר דא א גאנצע משפחה פון וואוילטוערס פאר די מענטשהייט; די אייניקלעך פון קין זענען באטראכט געווארן ווי די העכערע קלאס פאמיליע אויפ'ן באלעמער פון היסטאריע. און כאטש עס איז שוין געווען א יונגערער ברודער, שת, וואס עס זענען פון אים געבוירן געווארן קינדער, אבער מענטשן האבן געזאגט, "וואס קען דען שת אויפטון? וואס באקומען מיר שוין פון אים? ס'איז קין'ס פאמיליע וואס זענען די ערפינדער; זיי זענען די וואס זענען א ברכה פאר די וועלט. זיי זענען א געבענטשטע פאמיליע אין די אויגן פון די וועלט; ס'איז וויכטיג צו פארשטיין אז זיי זענען געווען די וועלכע האבן באקומען די אנערקענונג פאר ברענגען נוצן פאר די וועלט.

# חלק ב. די צדיקים

## נח גייט ארויף אויפ'ן באלעמער

אלזא, נאך א שטיק צייט האט זיך באוויזן אויף די ארענע א נייער פערזענליכקייט וועמען'ס נאמען איז געווען נח. למעשה, ער האט זיכער געהאט גוטע קוואליטעטן; ער

איז געווען א צדיק תמים (נח ו:ט), איז ער זיכער געווען א מענטש מיט גוטסקייט. ס'איז נישט קיין ספק אז מענטשן האבן געהאט סיבות אים ליב צו האבן. "ער איז א פיינער מענטש," האבן זיי געזאגט, "מיר האבן גארנישט קעגן ערליכע מענטשן. אבער וואס האבן מיר פון אים? ער איז גוט פאר זיך; אפשר איז ער אויך גוט פאר זיין פאמיליע. אבער פאר די איבעריגע פון די מענטשהייט? ער האט אונז מיט גארנישט געהאלפן. מיר האבן נישט קיין טענות צו אים אבער ס'איז אויך נישטא קיין סיבה אים צו קאמפלימענטירן; אים צו ליבן און אים צו גרויס מאכן."

מיר קענען זיכער זיין אז נח איז אינגאנצן נישט באטראכט געווארן ווי עפעס א וויכטיגער פערזאן דורך זיין דור - קיינער האט אים נישט באטראכט אלס עפעס א פארגלייך אין גרויסקייט מיט די מיטגלידער פון די פאמיליע פון קין. מענטשן האבן צוריקגעקוקט אויף קין'ס פאמיליע, אויף יבל און יובל און תובל קין און אפילו אויף נעמה, מיט די גרעסטע שעצונג; זיי האבן שטענדיג גערעדט פון זיי מיט א שטארקן גלאנץ. און זיי האבן געטראכט אז אויב איז דא ווער עס האט געברענגט א ברכה פאר די וועלט זענען דאס געווען זיי. זיי זענען געווען די ערפינדער, די 'פראדוצירער', און זייערע זכותים זענען נאכאנאנד דערמאנט געווארן און איבערגע'חזר'ט געווארן! מענטשן האבן גערעדט פון זיי, און דערציילט מעשיות איבער זיי - זיי זענען באטראכט געווארן דורך אלעמען אלס די בויערס פון די וועלט און די העלדן פון די מענטשהייט.

און דערפאר, וואס קען א מענטש ווי נח - נישט קיין חילוק ווי ערליך ער איז - מיט וואס קען אזא מענטש באווייזן זיך צו פארמעסטן מיט די אפשטאמיגע פון קין? אויב מיר זאלן נאכזוכן אין די צייטונגען פון די אמאליגע צייטן וואלטן מיר גארנישט געזען דערמאנט פון נח. קיינער וואלט נישט באטראכט נח אלס א קאנדידאט פאר דער וואס האט געברענגט א בענטשונג אויף די וועלט. אין די מיילער פון די מענטשהייט, איז ער אינגאנצן נישט דערמאנט געווארן!

## דער חומש לערנט דעם אמת

אבער אט קוקן מיר אריין אין חומש און אלעס טוישט זיך; די תורה קומט און דרייט אלעס איבער פארקערט. און עס דערציילט אונז אז די פאמיליע פון קין זענען געווען די וועלכע האבן גורם געווען די וועלט זאל נישט זיין געבענטשט, נאר רואינירט. דאס איז דער פסק פון די תורה! דאס איז דער דבר ה'!

עס איז גארנישט איבערגעבליבן פון זיי; זיי זענען אלע אפגעווישט געווארן פון די וועלט. קיין שום אפשטאמיגע פון יבל אדער יובל אדער תובל קין זענען געבליבן לעבעדיג. עס זענען נישט געווען גענוג זכותים אין אלע זייערע ערפינדונגען, אין אלע זייערע נוצן וואס זיי האבן צוגעשטעלט, אז אפילו איינער פון זיי זאל קענען איבערלעבן דעם מבול.

נאר **וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה׳**. עס איז געווען נח, דער ערליכער מענטש - דער וואס זיין וויכטיגקייט צו די וועלט איז געווען פארנעפלט אין פארגלייך צו די ערפינדערס - ער איז דער וואס האט געפונען חן אין די אויגן פון באשעפער. און אין פארגלייך צו די ערליכקייט פון נח, ווערן אלע אויפטוען און ערפינדונגען פון די פאמיליע פון קין איינגעשרימפן צו גארנישט - עס איז געווען נאר דער ערליכער נח וועלכער האט געראטעוועט די וועלט.

## נח דער שיף בויער

איר ווייסט, די שיף וואס נח האט געבויעט איז געווען זייער גרויס, ווי מיר לערנען איבער די מאסן פון די תיבה. אלזא, די ערצייגונג פון אזא ריזיגע שיף האט גענומען זייער א לאנגע צייט - א באדייטנדער טייל פון נח׳ס לעבן איז אויסגענוצט געווארן צו די אויפגאבע פון בויען דעם בנין וואס וועט ראטעווען די וועלט.

למעשה, דער באשעפער האט זיכער געקענט מאכן עפעס אן אנדערע סטראטעגיע צו פארטיליגן די זינדיגע און אין די זעלבע צייט פרעזערווירן אלע לעבעדיגע באשעפענישן, אן די הילף פון נח; אין אן אופן וואס זעט אויס צו אונז מער נאטורליך. דער גאנצער מבול וואלט געקענט פארמיטן ווערן אויב דער באשעפער וואלט געברענגט א חורבן איבער די אלע וועמען עס איז זיך געקומען צו ווערן פארטיליגט, און דערביי אפהיטן די באשעפענישן און מענטשן וואס ער האט געוואלט ראטעווען.

און דאס איז א וואונדער - וואס איז עס די עבודה פון נח צו בויען א ריזיגע שיף און צוזאמנעמען אלע באשעפענישן פון די וועלט וואס דארפן געראטעוועט ווערן מיט אים?

## דער צדיק ראטעוועט די וועלט

מיר דארפן דאס אפלערנען אלס א געוואלדיגע מוסר השכל, זייער א וויכטיגער לימוד. דער גראנדיעזער ספעקטאקל איז פלאנירט געווארן דורכ׳ן באשעפער כדי צו פראקלאמירן אויף אייביג דעם יסוד אז די וועלט עקזיסטירט בלויז צוליב דעם ערליכן מענטש, אדער מענטשן. עס איז געווען נח וואס האט אפגעהיטן פאר אונז אלעס וואס מיר פארמאגן; ער איז געווען דער רעטער פון די מענטשהייט, דער ווירקליכער וואוילטוער פון די וועלט. אויב שטייען מיר דא היינט, איז עס צוליב נח - יעדער פון היינט איז אן אפשטאמיגער פון נח.

און דאס איז פארוואס די מענטשהייט, ווי אויך אלע חיות, בהמות און עופות, זענען געראטעוועט געווארן דורך נח׳ס תיבה - כדי מיר זאלן אלעמאל וויסן אז די ווידער-אויפבלי פון די וועלט איז צושטאנד געקומען אין זכות פון נח. ווען מיר זעען היינט א מויקאש ארויפקריכן אויף א בוים אדער א פויגל פליען אין הימל וויסן מיר אז עס שטאמט

פון די איינוואוינערס פון די תיבה. לאזט נישט פארפאלן גיין די געלעגנהייט ווען איר זעט א מויקאש - איר ווערט דערמיט געלערנט אז די ערליכע מענטשן זענען אזוי וויכטיג אין די אויגן פון באשעפער, אז אין זייער זכות טוט די גאנצע בריאה פארזעצן צו לעבן.

נישט נאר מויקאשן און שפערלעך; אלע מענטשן פון היינט זענען אפשטאמיגע פון די וועלכע זענען אפגעהיטן געווארן אין די תיבה וואס נח האט געבויעט. אויב האט איר אייער אייגענע לעבן, אייער אייגענער קערפער, איז דאס אלעס א דאנק דעם ערליכן מאן. אלע לעבעדיגע זאגן עדות אויף דער פאנדומענטאלער יסוד אז דער מענטש וואס "איז געגאנגען מיט'ן באשעפער" (שם. ו:ט) איז געווען דער גורם צו די גאנצע עקזיסטענץ; ער האט באשאנקען די וויכטיגסטע זאך פאר די וועלט - ער האט בייגעשטייערט ערליכקייט.

## בבל'ישער שטייער רעפארם

דאס איז פון וואס מיר רעדן אצינד. די גרעסטע מתנה וואס איר קענט געבן צו די וועלט איז די מתנה פון אן ערליך לעבן, א לעבן פון דערגרייכונג אין עבודת ה'. דאס איז ווי אזוי דער באשעפער וויל מיר זאלן פארשטיין די היסטאריע פון די וועלט; נישט נאר אלס א פארצייטישע געשיכטע נאר די היסטאריע וואס ווערט יעצט געשאפן. דאס איז א לערע אויף שטענדיג; דאס איז געצילט געווארן אלס אן אייביגע צייגעניש פאר אלע צוקומפטיגע דורות, אז די וועלכע דינען דעם באשעפער, זיי זענען די באשיצערס פון די וועלט.

דאס איז וואס די גמרא (בבא בתרא ז:) לערנט אונז. עס ווערט דארט דערציילט אז עס איז אמאל געווען א נשיא וואס האט געוואלט אויפבויען די ווענט און מויערן פון זיין שטאט כדי צו באשיצן די איינוואוינערס פון מערדערס. אלזא, האט ער ארויפגעלייגט א שטייער אויף אלע איינוואוינערס פון די שטאט. אבער דאן האט זיך אויפגעשטעלט ריש לקיש און ער האט זיך קעגנגעשטעלט; ער האט געזאגט אז **רַבָּנָן לֹא צְרִיכֵי נְטִירוּתָא**, די תלמידי חכמים דארפן נישט קיין שום שמירה. וואס דאס מיינט איז, אז די לערנערס פון די שטאט זאלן זיין באפרייט פון דעם מויער שטייער ווייל זיי טוען סייווי באשיצן די שטאט דורך זייער עבודת ה'. און דאס איז וואס די הלכה איז: די חכמים פארפליכטעט מען נישט מיט קיין שטייער אפצאל, ווייל זייער ערליכקייט איז א באפעסטיגונג פאר די שטאט.

## צדיקים פארשפארן אויך זייערע טירן

למעשה, לאמיר נישט מאכן קיין טעות. מיר וועלן שטענדיג אויפנעמען מענטשן צו באשיצן די שטאט. אפילו אויב מיר זאלן האבן א שטאט פול מיט חכמים וועלן מיר אלעמאל אויפנעמען פאליציי און וועכטערס; מיר וועלן האבן צוימען און ריגלען. ס'איז לאגיש און דאס איז וואס די תורה וויל מיר זאלן טון. ס'איז נישט קיין ספק אז מיר מוזן

לעבן לויט די נאטורליכע פראצעדורן און מיר ניצן מויערן און ארמייען. דוד המלך האט געהאט זייער א גוטע ארמיי! און ער אליין איז געווען גאר א גוטער סאלדאט וואס איז ארויסגעגאנגען אין די שלאכטן, אינאיינעם מיט זיינע תהלים געבעטן, טראגנדיג מיט זיך א גרויסן קריגס רוט צו צעשמעטערן די קעפ פון די פיינט. זיכער האבן אידן געפירט מלחמות טראגנדיג מיט זיך געווער ווען עס האט אויסגעפעלט.

און דאס זאגט דער באשעפער (ברכות סד.): **תלמידי חכמים זענען מרבין שלום בעולם**, זיי ברענגען פרידן אויף די וועלט ווייל דער באשעפער נעמט זיך אן אין זייער אנוועזנהייט. די **נטורי קרטא**, די וועלכע טוען פאקטיש באוואכן די שטאט (ירושלמי חגיגא א:ז), **זענען די נח'ס**, די ערליכע מענטשן וועלכע געפינען חן אין די אויגן פון באשעפער.

## ווער איז אן אפיקורס

די גמרא (סנהדרין צט:) זאגט: ווער ווערט אנגערופן אן אפיקורס? אן אפיקורס מיינט נישט נאר אן אומגלויביגער - עס מיינט איינער וואס איז נישט איינשטימיג מיט וויכטיגע תורה'דיגע יסודות. און די גמרא ברענגט א ביישפיל. עס שטייט דארט, אויב ער זאגט, "**מאי אהנו לן רבנן** - וואספארא נוצן האבן מיר פון די תורה לערנערס, **לדידהו קרו לדידהו תנו** - זיי לערנען פאר זיך אליין."

למעשה, מיר רעדן דא פון מענטשן וואס פארשטייען אז עס איז א גוטע זאך אוועקצוגעבן צייט פאר תורה. מען קען מער שלאפן אויב מ'לערנט נישט תורה, מ'קען פארדינען מער געלט. זיכער זענען דא זאכן פון וואס מ'וואלט מער פארדינט אויף די וועלט, וואס מ'וואלט געקענט טון אין די צייט. און דערפאר אנערקענען זיי אז די מענטשן וואס לערנען תורה טוען גוטס פאר זיך אליין. **לדידהו קרו** - זיי לערנען פאר זיך, דאס מיינט אז עס איז פאר זייער נוצן. יא, מיר זענען איינשטימיג דערמיט. **לדידהו קרו** - זיי לערנען פאר זייער אייגענע פארדינסט. ס'איז דא דערין א גרויסע פארדינסט.

אבער וואס פארדינען מיר דערפון? דאס איז די שאלה וואס זיי פרעגן. און דאס ווערט אנגערופן אן אפיקורס.

## אפיקורסים און פאראזיטן

איך געדענק, ווען איך בין געווען א ישיבה בחור אין אייראפע, פלעגן זיין אידן וואס האבן אונז אנגערופן אין גאס מיט שפעט נעמען. זיי פלעגן אונז אנרופן 'פאראזיטן'. דאס איז ווי אזוי עס איז געווען שוין דאן אין אייראפע; א ישיבה בחור איז געווען א ציל ברעט פאר דערנידערונג. זיי האבן אראפגעקוקט אויף אים און זיי האבן אים עס געזאגט אין פנים. עס טוט מיר לייד צו דערציילן, אז אין אייראפע האבן פיל אידן עפנטליך דערנידערט א ישיבה בחור. מען האט זיי אנגערופן מיט נעמען אינמיטן גאס און איינע פון זייערע באליבטע זידל ווערטער איז געווען 'פאראזיטן'! ווייל זיי זענען געווען אפיקורסים;

אין זייערע אויגן איז איינער וואס האט נישט פראדוצירט מאטעריאליסטיש, געווען ווערדלאז.

מאי אהנו לן רבנן איז א שאלה וואס ווערט געפרעגט דורך זייער פיל מענטשן. און די וועלכע פרעגן עס נישט מיט זייער מויל טראכטן עס אין זייער הארץ: 'וואס האבן מיר פון זיי?' "ס'איז ריכטיג," זאגן זיי, "עס זענען דא מענטשן אין ירושלים וואס ליידן פון ארעמקייט פאר תורה; זיי האבן פערצן קינדער און לעבן אין צוויי צימערן און זענען באלאדנט ביז איבער'ן קאפ מיט חובות ווייל זיי לערנען תורה א גאנץ לעבן. ג-טספארכטיגקייט איז אן אידיאל ביי זיי; גוט פאר זיי." דאס איז דער אנשטענדיגער מענטש וואס זאגט עס. ער זאגט, "איך פריי זיך פאר זיי." און ער קען זיי אפילו שטיצן אלס זיין חפץ פאר צדקה. אבער דאס איז נישט ווייל ער פארשטייט אז די וועלט פארדינט פון זיי.

## דער זכות פון צדיקים

און דאס איז א שרעקליכער טעות; דאס איז א קארופטירטער כאראקטער. א צדיק איז זייער א גרויסע פארדינסט פאר דיר, פאר דעם דור. די גמרא (תענית כד:) דערציילט פון א בת קול, דאס איז א שוואכער אופן פון נבואה, וואס איז געשיקט געווארן צו אנטפלעקן אז די גאנצע וועלט שטייט אין זכות פון רבי חנינא בן דוסא. ווער ווייסט וויפיל מאל האבן מיר געטון געניסן פון גוטע מאלצייטן צוליב די צדיקים? ווער ווייסט וויפיל מאל איר האט מצליח געווען מיט א גוטן געשעפט אדער געטראפן א גוטער ארבעטס פאסטן צוליב די צדיקים? ווער ווייסט וויפיל מאל וואלטן טראגעדיעס פאסירט; פאמיליעס רואינירט, געמיינדעס אויסגעריסן, ווען נישט די זכותים פון צדיקים וועלכע האבן געפונען חן אין די אויגן פון באשעפער? ווער ווייסט וויפיל מאל ביסטו נישט קראנק געווארן צוליב די ערליכקייט פון די צדיקים?

## אונזער עבודה

און דערפאר איז עס א וויכטיגער ענין אין עבודת ה' צו ארבעטן אויף זיך, צו ליב האבן די צדיקים און זיי גאר שטארק שעצן. מיר פראבירן צו טראכטן אין זעלבן גאנג ווי דער באשעפער און דאס מיינט אז אויב עס איז געווען **נֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה'** און דאס איז געווען גענוג צו ראטעווען די וועלט, דארפן מיר אויך אזוי טון. איר האט קיינמאל נישט געטראכט דערפון? גוט, איז בעסער הייבט יעצט אן. דאס איז פארוואס עס שטייט אין חומש. דער באשעפער וויל איר זאלט וויסן, "טוסטו שעצן וואס זיי טוען פאר די וועלט? אדער מיינסטו אז איך האב עס געשריבן אין די תורה בלויז אלס א מעשה, בלויז אנצופילן די פלאץ?!" אלזא בשעת איר שפאנט אראפ די גאס אין וויליאמסבורג און אראפ די גאס אין בארא פארק, זאלט איר טראכטן אז אפשר זענען דארט פארהאן צדיקים וואס האלטן

אונטער די וועלט. איך בין זיכער אז עס געפינען זיך דארט צדיקים. עס זענען פארהאן דארט ערליכע מענטשן וואס טוען פאר די וועלט מער ווי די אלע 'גרויסע' און באוואוסטע מענטשן וואס ווערן ארויפגעקוקט און פארגרעסערט. סיי וואו איר דרייט זיך אין א אידישע קהילה, זאלט איר טראכטן דעם געדאנק, "אפשר געפינען זיך דא מענטשן וואס זענען **מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה'** און זיי האלטן אונטער די וועלט."

די דרויסנדיגע וועלט קוקט היינט אויף דעם ישיבה בחור און זיי זעען אז ער זיצט א גאנצן טאג ביי אלטע ספרים, ארומרעדנדיג פרטים פון הלכות וואס זענען אויס פאנאטיש און אלטמאדיש. דער קאלעזש סטודענט, ער איז די גוטע סחורה; אזוי טראכטן זיי. ער איז דער וואס טוט עפעס פאר די וועלט. אפשר וועט ער זיין א דאקטער אדער אן אינזשעניר. ער וועט בויען בנינים און בריקן. וואספארא הצלחה; וואספארא גוטסקייט! ער וועט זיין א יבל! אפשר וועט ער זיין א יובל אדער תובל קין! א ברכה! דאס איז ווי אזוי די וועלט קוקט דערויף.

אבער מיר דארפן צוריקגיין צו די תורה השקפה, די השקפה פון **נֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה'**. עס פאדערט אן עבודה, עס ניצט אנשטרענגונג, זיך צו לערנען צו שעצן וואס דער ערליכער מענטש טוט פאר די וועלט. און דערפאר דארפן מיר שוין יעצט ווערן פארנומען מיט טראכטן אז מיר האבן ליב די צדיקים און אז מיר שעצן זיי אן קיין ענד.

## די לערע פון די תיבה

דאס איז א פונדאמענטאלער יסוד וואס מיר לערנען אצינד - דורך דעם מבול און דורך די ווידער-אויפבלי פון די וועלט אין אזא וואונדערליכער אופן ווי אזוי די מענטשן ראסע ווי אויך די מינים פון חיות זענען געראטעוועט געווארן דורך דער מיטל פון נח'ס תיבה. די תורה לערנט אונז א פונדאמענטאלער יסוד אז עס זענען די ערליכע מענטש וועלכע האלטן אונטער די וועלט. אויב די וועלט טוט פארזעצן צו האבן געוויסע פארדינסטן, מוזט איר פארשטיין אז דאס איז צוליב די זכותים פון די וועלכע ברענגען אויף זיך דעם חן פון באשעפער.

נח'ס ערליכקייט איז געווען וואס האט געשאנקען פאר די וועלט איר ווידער-אויפבלי. דאס איז וואס די תורה לערנט אונז. **נֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה'** - נח האט געפונען חן אין די אויגן פון באשעפער; דאס איז אן אייביגע לערע אז די ערליכע, די וועלכע פראבירן צו אויפהייבן דעם פאן פון אן ערליכע לעבן, פון ריכטיגע אויפפירונג, פון שטענדיג טראכטן פון באשעפער און גיין אין די וועגן פון זיין תורה, דאס זענען די וועלכע ברענגען אראפ ברכות אויף די וועלט.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

**דער רב האט אנגעהויבן מיט'ן זאגן אז אלעס וואס פאסירט אין די וועלט איז מיט א צוועק; אז עס איז נישט סתם פערצופאל און דערפאר זאלן מיר לערנען א מוסר השכל, א לימוד, פון סיי וואס מיר זעען. אבער אויב איינער זעט עפעס אדער באמערקט עפעס און ער טראכט אז ער נעמט ארויס א לערע דערפון, ווי אזוי ווייסט ער אז וואס ער לערנט אפ דערפון איז דער ריכטיגער מוסר השכל?**

### תשובה:

די שאלה וואס ווערט געפרעגט איז אויב זאכן וואס פאסירן אין די וועלט אדער זאכן וואס עקזיסטירן אין די וועלט מיט א צוועק פון א מוסר השכל, ווי אזוי קען יעדער איינער וואס פראבירט אפצולערנען דערפון א מוסר השכל זיין זיכער אז ער לערנט אפ דעם ריכטיגן מוסר השכל?

און דער ענטפער איז אז א מענטש זאל פראבירן. ער זאל מאכן א פרואוו. ווייל דער כלל איז אז בדרך שאדם רוצה ללכת מוליכין אותו – אין דעם וועג וואס א מענטש וויל גיין, וועט אים דער באשעפער העלפן און אים געבן הצלחה. איז אויב ער פראבירט, וועט ער עפעס מצליח זיין. נישטא קיין ספק אין דעם.

איז אויב א מענטש פראבירט צו טון א גוטע זאך און לערנען די דרכי ה' פון וואס ער זעט אין נאטור אדער פון די פאסירונגען וואס שפילן זיך אפ אין די וועלט, דאן אפילו אויב ער מאכט א טעות וועט עס קיינמאל נישט זיין צו ערנסט ווייל דער באשעפער ווייסט אז זיינע כוונות זענען גוט און דערפאר וועט ער מער, ווייניגער מצליח זיין. מער, ווייניגער וועט ער מצליח זיין צוליב זיינע גוטע כוונות.